טראגט דעם "פסל מיכה"[108], ווי עס שטייט אין מדרש[109], אז אויב איין איד וואלט געפעלט בא מ"ת (וואס דאס איז כולל אפילו א איד וואס טראגט דעם "פסל מיכה") - וואלט די תורה ניט געגעבן געווארן ח"ו, צו אלע אידן.

כה. און ס'איז א זיכערע זאך אז מ'האט הצלחה אין דעם - ווארום "לא ידח ממנו נדח",

ובפרט איצטער וואס ס'איז ניטא קיין צי'ט צו ווארטן, ווארום אט אט קומט משיח,

במילא קען מען אויך ניט ווארטן אויף "בגלגול אחר"[110], ווארום עס זיינען געבליבן נאך עטליכע טעג ביז ביאת משיח צדקנו.

און די עבודה הנ"ל היילט אויך צו אז עס זאל זיין "אחישנה" אין דעם "אחישנה" גופא [111] -

ביאת משיח צדקנו, וואס "יבנה ביהמ"ק במקומו"[112],

און "משה ואהרן" מיט דעם בעל הגאולה "עמהם"[113],

במהרה בימינו ממש.

[ההחילו לנגן "וכל קרני רשעים אגדע גו'" - ואמר כ"ק אדמו"ר שליט"א:

מ'האט דאך ערשט גערעדט אז קרח איז געווען א צדיק גמור, איז ווי אויף-צו-להכעיס האט מען אנגעהויבן דעם ניגון; זאל מען זינגען "הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד".]

* * *

כו. צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה השמים כסאי גו'.

* * *

כז. ס'איז דאך רגיל צו אפלערנען א פירוש רש"י פון פרשת השבוע, און אויך אן עניך אין די הערות אויפן זהר פון פרשתנו, און אויך א משנה פון דעם פרק וואס מ'לערנט דעם

- שבת -

----

108) ראה סנהדרין קג, סע"ב ובפרש"י שם ד"ה זה פסלו של מיכה. תנחומא תשא יד. 109) מכילתא עה"פ יתרו יט, יא. יל"ש עה"פ (רמז רפ). דב"ר פ"ז, ח. 110) הל' ת"ת ותניא שבהע' 79. 111) ישעי' ס, כב. סנהדרין צח, א. 112) ראה רמב"ם הל' מלכים ספי"א. 113) ראה יומא ה, ב. תוד"ה אחד - פסחים קיד, ב.

הנחה הת' בלתי מוגה

שבה, לויט די "יש נוהגין" צו לערנען פרקי אבות "בכל שבתות הקיץ"[114].

אין קאפיטל טז פסוק כה שטייט "ויקם משה וילך אל דתן ואבירם גו׳", שטעלט זיך רש"י אויף די ווערטער "ויקם משה" און זאגט: "כסבור שישאו לו פנים (אז זיי וועלן אים אפגעבן כבוד) ולא עשו".

דארף מען פארשטיין (וכמדובר כמ"פ אז מפרשים שטעלן זיך בכלל ניט אויף די שאלות):

א) עטליכע פסוקים לפנ"ז[115] שטייט אז דער אויבערשטער האט אנגעזאגט משה ואהרן "הבדלו מתוך העדה הזאת גו׳", און דערנאך[116] האט אים דער אויבערשטער געזאגט: "דבר אל העדה לאמר העלו מסביב למשכן קרח דתן ואבירם" -

איז דאך פארשטאנדיק בפשטות, אז דאס וואס שטייט גלייך נאך דעם "ויקם משה גו׳", קומט בהמשך צו ציווי הקב"ה למשה, ד.ה. "ויקם משה גו׳" מיינט, אז משה איז געגאנגען מקיים זיין דעם ציווי פון דעם אויבערשטן "דבר אל העדה לאמר העלו מסביב למשכן קרח דתן ואבירם",

איז ניט פארשטאנדיק: וואס איז דא רש"י׳ן שווער אז ער דארף בכלל מפרש זיין א פירוש אויף "ויקם משה" - ע"פ המשך הכתובים איז דא לכאורה אלץ פארשטאנדיק?

ב) נאכמער:

ניט נאר וואס דער פרש"י דא איז לכאורה איבעריק, נאר דאס איז לכאורה היפך פשש"מ:

"ויקם משה" מיינט בפשטות אז משה איז געגאנגען מקיים זיין דעם ציווי פון דעם אויבערשטן ("דבר אל העדה גו׳"), און רש"י איז מפרש אז "ויקם משה" מיינט אז משה איז ניט גלייך געגאנגען מקיים זיין דעם ציווי פון דעם אויבערשטן, נאר ער איז פריער געגאנגען צו דתן ואבירם - "כסבור שישאו לו פנים",

[און רש"י דארף ניט מפרש זיין פארוואס משה האט געוואלט, "שישאו לו פנים", אז זיי זאלן אים אפגעבן כבוד - ווארום ס׳איז מובן בפשטות: דורך דערויף וואס זיי וועלן אים אפגעבן כבוד וועט דאס זיי ברענגען צו תשובה טאן],

און ערשט דערנאך ווען משה האט געזעהן אז "ולא עשו", נאר "יצאו נצבים", ווי עס שטייט אין המשך הכתובים[117] - האט

- ער -

----

114) אדה"ז בסידורו לפני פרקי אבות. 115) טז, כא. 116) שם, כד. 117) שם, כז.

הנחה הת׳ בלתי מוגה

ער איבערגעגעבן ציווי הקב"ה - "וידבר אל העדה לאמר סורו נא גו׳"[118].

[דרך אגב: מ׳קען דא זאגן אז דער "בחור הזעצער" האט געמאכט א טעות און אריינגעשטעלט דעם מספר הכתוב (כז) צווישן "ולא עשו" און "יצאו נצבים", און באמת דארף זיך דאס ליינען בהמשך אחד: "ולא עשו" (נאר) "יצאו נצבים", כדרך פון רש"י בכ"מ, כמדובר כמה פעמים].

ובפרט אז דער בן חמש למקרא האט געלערנט אז משה רבינו איז געווען א זריז[119] - איז ווי קומט עס (לויט פרש"י על הכתוב) אז משה זאל ניט גיין גלייך מקיים זיין ציווי הקב"ה, און פריער טאן א זאך על דעת עצמו, "כסבור שישאו לו פנים"?

אמת טאקע אז רש"י נעמט זיין פירוש פון במדבר רבה[120] - אבער ענינו פון פרש"י איז פשש"מ, און דער פירוש איז היפך פשטות הכתובים.

ג) פארוואס איז רש"י מעתיק פון פסוק (נאר) די ווערטער "ויקם משה" - לכאורה איז דער עיקר דא נוגע "וילך אל דתן ואבירם", וואדום ער האט געוואלט אז זיי זאלן אים נושא פנים זיין, און בפועל "לא עשו"?

ד) רש"י נעמט זיין פירוש פון במדבר רבה (כנ"ל) - אבער דארטן שטייט דער פירוש בלשון אחר: "אמר משה הואיל ולא רצו לילך אצלי אני אבא אצלם אולי יתביישו ויהזדו בהם, שנא׳ ויקם משה וילם אל דהן ואבירם".

דערפון וואס רש"י שרייבט ניט אין זיין פירוש "רבותינו דרשו" וכיו"ב, איז פארשטאנדיק אז אין פשש"מ איז דער פירוש ניט ווי עס שטייט אין מדרש "אולי יתביישו ויהזדו בם", נאר "כסבור שישאו לו פנים".

מיט נאך כמה דיוקים, וכפי שיתבאר לקמן.

כח. אין די הערות אויפן זהר בפרשתנו, שטעלט ער זיך[121] אויף דעם וואס עס שטייט אין זהר בריש פרשתנו[122] "ויקח קרח וגו׳, ר׳ אבא פהח הנחמדים[123] מזהב ומפז רב וגו׳".

און ער איז מבאר אין די הערוה[124] די שייכות פון "הנחמדים מזהב ומפז רב" צו "ויקח קרח" - אז "קרח הי׳ עשיר גדול שהי׳ לו זהב ופז רב",

- ווי -

----

118) שם, כו. 119) ראה פרש"י עה"פ יתרו יט, יד. ולהעיר גם מפרש"י עה"פ שמות ד, כד. בשלח טז, כב. 120) שם, ד. 121) לקוטי לוי"צ לזח"ג ע׳ שעה ואילך. 122) זח"ג קעו, א. 123) תהלים יט, יא. 124) שם ע׳ שפא.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

משתדל זיין מיט קליינע קינדער, ביז - אראפלאזן זיך צו זיי בכל עניניהם, און זיי באזארגן מיט אלץ וואס זיי דארפן האבן, בגשמיות וברוחניות.

וע"ד ווי ס'איז געווען בא יוסף, וואס ער איז געווען "משביר לכל עם הארץ"[157], ע"ד ווי דער בעל הגאולה איז דער "משביר לכל עם הארץ" איצטער - אז "ויכלכל יוסף גו' לחם לפי הטף"[158].

ד.ה. אז הגם אז "דרך הטף הוא לפרר הלחם"[159] וואס לכאורה איז אין דעם ניטא קיין תועלת - פונדעסטוועגן האט ער זיי געשפייזט "לחם לפי הטף".

וואס דערפון האט מען די הוראה - אז עס דארף זיין "חנוך לנער ע"פ דרכו", אז הגם ער "צוברעקלט" דאס וואס מ'גיט אים, ד.ה. אז "ע"פ דרכו" דארף מען מיט אים טאן כמה ענינים וואס האבן לכאורה קיין תועלת ניט אין תומ"צ, ווארום זיי זיינען ענינים פארבונדן מיט קינדער, וואס די ענינים זיינען לכאורה טפלים -

איז אבער דוקא דאס "דרכו", ובמילא דארף זיין דער "חנוך לנער" אין אזא אופן, אין אן אופן פון "ויכלכל . . לחם לפי הטף", און דוקא אזוי איז מען דער "משביר".

מ. ויה"ר אז עס זאל זיין "מסמך גאולה לגאולה"[160] - די גאולה פון י"ב-י"ג תמוז צו דער גאולה האמיתית והשלימה,

וואס דעמולט וועט זיין "ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים", "קהל גדול ישובו הנה",

און אין אן אופן אז "בם עור ופסח"[161], ווארום זיי וועלן אויסגעהיילט ווערן[162], וואס דאס וועט אזוי זיין בגשמיות, דערפאר וואס אזוי וועט זיין ברוחניות, "שנשתלשלו מהן",

במהרה בימינו ממש.

* * *

מא. דער ביאור אין פירוש רש"י:

דערפון וואס עס שטייט אין פסוק די ווערטער "ויקם משה" איז רש"י מכריח אז משה האט דא געטאן א פעולה מיוחדת, נוסף

- אויף -

----

157) מקץ מב, ו. 158) ויגש מז, יב. 159) שפתי חכמים עה"פ (וראה פסחים י, ב). 160) מגילה ו, סע"ב. 161) ירמי' לא, ח. 162) סנהדרין צא, ב. ועוד.

הנחה הת' בלתי מוגה

אויף מקיים זיין ציווי ה׳ "דבר אל העדה לאמר העלו מסביב למשכן קרח דתן ואבירם",

ווארום אויב דער פירוש איז "ויקם משה גו׳" איז נאר אז משה איז געגאנגען מקיים זיין ציווי ה׳ "דבר אל העדה לאמר העלו מסביב למשכן קרח דתן ואבירם" - האבן דא ניט געדארפט שטיין די ווערטער "ויקם משה", עס וואלט גענוגען מספיק אויב עס וואלט געשטאנען "וידבר ה׳ אל משה לאמר דבר אל העדה לאמר העלו מסביב למשכן קרח דתן ואבירם", און דערנאך גלייך "וילך משה גו׳", אז משה איז געגאנגען מקיים זיין דעם ציווי.

וויבאלד אבער עס שטייט אין פסוק "ויקם משה" - איז מוכח אז משה האט דא געטאן א פעולה חדשה, נוסף אויף מקיים זיין דעם ציווי פון דעם אויבערשטן.

מב. וועלכע פעולה חדשה ("ויקם משה") האט משה געטאן?

מ׳קען ניט זאגן אין פשש"מ אז משה איז צו זיי געגאנגען "אולי יתביישו ויחזרו בהם", ווי דער פירוש אין מדרש - ווארום:

א) דאס איז בכלל ניט מרומז אין "ויקם משה".

ב) מה-דאך אז זיי האבן זיך ניט געשעמט פאר דעם אויבערשטן, און זיי האבן עובר געווען אויף דעם חטא - עאכו"כ אז זיי וועלן זיך ניט פארשעמען פאר משה רבינו!

עד"ז קען מען ניט זאגן אז די פעולה חדשה פון "ויקם משה" מיינט אז משה איז צו זיי געגאנגען דערפאר וואס "אין מחזיקין במחלוקת", ווי דער פירוש אין גמרא[163] - ווארום:

א) אויך דאס איז ניט מרומז אין "ויקם משה".

ב) רש"י האט שוין מפרש געווען פריער עה"פ[164] "וישלח משה לקרוא לדתן ולאבירם גו׳" - אז "מכאן שאין מחזיקין במחלוקת, שהי׳ משה מחזר אחריהם להשלימם בדברי שלום" -

קען מען דאך דא ניט זאגן אז משה איז צו זיי געגאנגען דערפאר וואס "אין מחזיקין במחלוקת" - ווארום ער האט דאס שוין מקיים געווען פריער.

[דערמיט וועט מען פארשטיין נאך א זאך:

פון דעם פסוק "ולא יהי׳ כקרח וכעדתו" (וואס שטייט וויי טער) לערנט אפ די גמרא[165] אז "כל המחזיק במחלוקת עובר בלאו",

- רש"י -

----

163) סנהדרין קי, א. 164) טז, יב. 165) סנהדרין שם.

הנהה הת׳ בלתי מוגה

רש"י עה"פ (ברענגט דאס ניט אראפ, און) זאגט אן אנדער פירוש: "ולא יהי' כקרח - כדי שלא יהי' כקרח"?!

וע"פ הנ"ל איז דאס פארשטאנדיק:

רש"י האט שוין פריער אפגעלערנט פון פסוק "וישלח משה גו'" אז "מכאן שאין מחזיקין במחלוקת כו'" - קען ער דאך דאס ניט זאגן נאכאמאל אויפן פסוק "ולא יהי' כקרח גו'".

נוסף לזה: פשטות לשון הכתוב "ולא יהי' כקרח וכעדתו" איז ניט א לשון פון א לאו ואזהרה.

אפילו אח"ל אז "ולא יהי' כקרח וכעדהו" איז בלשון פון א לאו - איז דאך ידוע דער כלל אין רש"י, אז בשעת ס'איז דא א ברירה צו זאגן אז א פסוק חזר'ט זיך איבער א צווייטן מאל בכדי צו איבערזאגן נאכאמאל דעם זעלבן לאו, אדער אז דער פסוק קומט זאגן א נייע זאך - איז רש"י מפרש אז דער פסוק זאגט א נייע זאך,

און וויבאלד אז פון דעם פסוק "וישלח משה גו'" האט שוין רש"י אפגעלערנט אז "אין מחזיקין במחלוקת" - זאגט רש"י אויף "ולא יהי' כקרח" א נייע זאך - "כדי שלא יהי' כקרח", מתאים לשיטתו אז דער פסוק חזר'ט ניט איבער נאכאמאל דעם זעלבן לאו.

מג. דער איינציקער פירוש וואס רש"י קען זאגן אין דער פעולה חדשה פון "ויקם משה" איז - "כסבור שישאו לו פנים", וואס דאס איז מרומז אין דעם ווארט "ויקם". והביאור בזה:

"ויקם משה" איז ע"ד ווי עס שטייט [166] "ויקם שדה עפרון", ווי רש"י טייטשט אפ: "תקומה היתה לה שיצאה מיד הדיוט ליד מלך", און ע"ד "מפני שיבה תקום" [167] - וואס דאס זיינען ביידע ענינים וואס באווייזן אויף דעם ענין הכבוד.

וואס דעריבער איז רש"י מפרש: "ויקם משה - כסבור שישאו לו פנים": משה האט געמיינט אז דורך דערויף וואס ביי אים וועט זיין "ויקם" און ער וועט קומען צו דתן ואבירם, וועלן זיי אים אפגעבן כבוד ("ישאו לו פנים").

וואס דאס איז די פעולה וואס משה האט געטאן, נוסף (און פאר דערויף) וואס ער האט מקיים געווען ציווי ה':

פריער, בא "וישלח משה לקרוא לדתן ולאבירם גו'", איז דאס געווען ע"י שליח, וואס דערפאר האבן זיי געזאגט "לא נעלה"; איצטער האט משה אבער געמיינט אז אויב ער אליין

- וועט -

----

166) ח"ש כג, יז. 167) קדושים יט, לב.

הנחת הת' בלתי מוגה

וועט קומען צו דהן ואבירם, איך אך אופן פון "ויקם משה" - וועט עס בא זיי פועל'ן אז זיי זאלן אים אפגעבן כבוד, "כסבור שישאו לו פנים"

[ובפרט אז זיי גופא האבן דאך געוואלט זיין כהנים גדולים[168] - מצד דערויף וואס א כהן גדול באקומט א סאך כבוד - וועלן זיי דאך זיכער אפגעבן כבוד צו משה רבינו בשעת ער וועט קומען צו זיי],

און דעמולט וועט ער קענען פועל'ן בא זיי אז זיי זאלן תשובה טאן.

אבער לפועל איז "לא עשו" - זיי האבן ניט אפגעגעבן משה'ן קיין כבוד, נאר "יצאו נצבים" - איז דעמולט האט משה איבערגעגעבן דעם ציווי פון דעם אויבערשטן - "וידבר אל העדה לאמר סורו נא מעל אהלי האנשים הרשעים האלה גו'".

מד. מ'דארף נאך אבער פארשטיין: פארוואס האט משה טאקע געטאן א זאך על דעת עצמו, און איז ניט גלייך געגאנגען מקיים זיין ציווי ה' "דבר אל העדה לאמר העלו מסביב למשכן קרח דתן ואבירם"?

איז די הסברה בזה:

דער בן חמש למקרא האט שוין געלערנט כמ"פ, אז בשעת די אידן האבן עובר געווען אויף א חטא, איז משה אלעמאל געגאנגען זיך משהדל זיין בא דעם אויבערשטן ער זאל פארגעבן די אידן[169], און ער איז געגאנגען צו די אידן פועל'ן אויף זיי אז זיי זאלן תשובה טאן,

ווי דאס איז געווען בא חטא העגל, ועד"ז בא חטא המרגלים -

האט דאך עד"ז אויך געדארפט זיין אין פרשתנו בא מחלוקת קרח ועדתו.

זאגט רש"י אז אין הכי נמי - משה האט טאקע אויך דא געפרואווט פועל'ן אז די אידן זאלן תשובה טאן: "ויקם משה - כסבור שישאו לו פנים", און דורך דערויף וועט ער קענען רעדן מיט זיי און פועל'ן אויף זיי אז זיי זאלן תשובה טאן.

נאכמער:

ס'איז גאר א הכרה אז דער פסוק "ויקם משה" מוז שטיין גלייך וואו ער שטייט בפרשתנו -

- ווארום -

----

168) במדב"ר פי"ה, ה. פרש"י עה"פ פרשתנו שם, ו.

169) ראה פרש"י עה"פ פרשתנו שם, ד.

הנחה הת' בלתי מוגה

ווארום אויב עס וואלט דא ניט געשטאנען "ויקם משה" - וואלט געווארן א שטורעם'דיקע קשיא:

משה האט ערשט געהערט אז דער אויבערשטער האט געזאגט[170] "הבדלו מתוך העדה הזאת ואכלה אותם כרגע", און אויף דערויף האט ער געבעטן[171] בא דעם אויבערשטן "א-ל אלקי הרוחות לכל בשר האיש אחד יחטא ועל כל העדה תקצוף";

דערנאך אז דער אויבערשטער זאגט "דבר אל העדה לאמר העלו מסביב למשכן קרח דתן ואבירם" - טוט משה קיין זאך ניט צו אפשר קענען אפהאלטן די גזירה - נאר ער גייט גלייך מקיים זיין ציווי ה'?!

וואס דערפאר איז מוכרח צו זאגן אז משה האט יע עפעס געטאן - און דאס איז וואס עס שטייט "ויקם משה", "כסבור שישאו לו פנים" - ער איז געגאנגען צו דתן ואבירם מיט דער לעצטער האפענונג אפשר וועט ער קענען פועל'ן אויף זיי אז "ישאו לו פנים" און זיי זאלן תשובה טאן.

מה. דערמיט וועט מען פארשטיין נאך א זאך:

משה איז דאך דעמולט געשטאנען מיט דער גאנצער עדה באם פתח אוהל מועד, ווי עס שטייט פריער אין פסוק[172], "ויקהל עליהם קרח את כל העדה אל פתח אוהל מועד גו'" -

איז פארוואס איז משה אוועק פון דער גאנצער עדה און געגאנגען צו דתן ואבירם, "ויקם משה וילך אל דתן ואבירם"?

וע"פ המבואר לעיל איז דאס פארשטאנדיק: משה איז געגאנגען צו דתן ואבירם בכדי צו פועל'ן אויף זיי אז זיי זאלן תשובה טאן.

וואס מאיזה טעם שיהי' זיינען דתן ואבירם ניט געווען מיט כל העדה באם פתח אוהל מועד: אדער מצד דערויף וואס זיי זיינען געווען ברוגז אז מ'האט זיי ניט געבעטן מקטיר זיין קטורת; אדער דערפאר וואס זיי זיינען געווען א מציאות בפ"ע פון קרח'ן, און קרח האט אויף זיי ניט געקענט פועל'ן צו קומען צום פתח אוהל מועד, ווי ער האט דאס גע'פועל'ט אויף שאר העדה.

און ס'איז קיין שאלה ניט דערפון וואס עס שטייט "ויקהל עליהם קרח את כל העדה אל פתח אוהל מועד" - ווארום "כל העדה" מיינט ניט בהכרח אלע אידן ממש.

און וויבאלד אז דתן ואבירם זיינען געווען באזונדער

- פון -

----

170) פרשתנו שם, כא. 171) שם, כב. 172) שם, יט.

פון די אנדערע אידן, איז משה געגאנגען צו זיי פועל'ן אז זיי זאלן תשובה טאן.

דערנאך אז ער האט געזעהן אז "לא עשו", אז ער האט אויף זיי ניט גע'פועל'ט - האט ער דארטן (ער איז ניט צוריק-געגאנגען צום פתח אוהל מועד) געזאגט "סורו נא מעל אהלי האנשים הרשעים האלה גו'",

און דאס איז שוין אנגעקומען צו דער גאנצער עדה - ווארום צוזאמען מיט משה זיינען געגאנגען צו דתן ואבירם אויך די "זקני ישראל", "ויקם משה וילך אל דתן ואבירם וילכו אחריו זקני ישראל" - איז ווי באלד אז זיי האבן געהערט פון משה'ן "סורו נא גו'", איז דאס שוין דערנאך נתפרסם געווארן צו אלע אידן.

וואס דאס איז דאך פארשטאנדיק מעצמו - במילא דארף דאס רש"י ניט באווארענען.

מו. דער ביאור אין דער הערה אויפן זהר - צוליב וואס האט קרח געדארפט האבן אין מדבר א סאך געלט:

קרח האט דאך געוואלט זיין א כהן גדול, און דער דין איז אז "כהן גדול צריך שיהי' גדול מאחיו . . בעושר"[173],

דערפאר האט קרח, וואס "פקח הי'", געדארפט האבן א סאך געלט אפילו אין מדבר - ווארום דאס איז א תנאי אין זיין ווערן א כהן גדול,

און קרח האט פארשטאנען, אז וואס מער געלט ער וועט האבן - וועט ביי אים וואס מערער זיין דער "גדול מאחיו".

און פארשטייט זיך אז וואס מערער געלט ער האט געהאט איז ביי אים געווען "מי שיש לו מנה רוצה מאתים"[174] - ווען ער האט געהאט א מנה, איז דאס ביי אים געווארן "די מחסורו"[175], און בכדי עס זאל ביי אים זיין "לעשרו"[176] - האט ער געדארפט האבן "מאתים" וכו'.

נאכמער:

ניט נאר קרח האט געוואלט זיין א כה"ג, נאר ער האט אויך אנגערייצט די חמשים ומאתים איש אז זיי זאלן אויך וועלן זיין כהנים גדולים - האט דאך קרח געדארפט באזארגן

- אויך -

----

173) יומא יח, א. הוריות ט, א. רמב"ם הל' כלי המקדש פ"ה ה"א. 174) ראה קה"ר פ"א, יג, פ"ג, י. בחיי ס"פ חיי שרה. 175) ל' הכתוב - ראה טו, ח. 176) ראה כתובות סז, ב. פרש"י עה"פ.

הנחת הה' בלתי מוגה